יונגעלייט אן שטילערהייט, איינע נאך די אנדערע, מיט אן ערנסטקייט אויסגעגאסן אויף זייער געזוכט. זיי זענען אצינד אויפגעשטאנען פון שלאף און גרייטן זיך צו לערנען דורך די נאכט.

אין בית-המדרש גופא קען מען זען יונגעלייט ארויפקומען מיט נאסע פיאות פון די מקוה, שטיל שווייגנד און מיט ערנסטע געזיכטער - א שטייגער מען האלט אצינד פאר זכור-ברית, עטליכע נעמען א קאווע, מען גייט אריין אין היכל הכולל און מען הויבט אן דער נאכט.

עס קוקט אויס ווי ימים נוראים צייט, האבן מיר געשריבן? - עס איז במציאות טאקע אזא בחינה, עס איז נישט בלויז א דמיון. קודם-כל פארמאגן די דאזיגע שעות א געוואלדיגע קדושה, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין די ספרים, און אז מען נוצט אויס די דאזיגע שעות בקדושה, קען מען דורכדעם נתעלה ווערן במעלות רמות עד אין שיעור. אבער עס איז נישט נאר רוחניות'דיג, עס איז פאקטיש אן ערנסטער מצב ומעמד וואס קען מרגש זיין דער מענטש ביז טרערן. ווען מען זעט ווי אזוי ערנסטע יונגעלייט, תלמידי חכמים מפורסמים, רייסן אוועק דעם שלאף פון זייערע אויגן, קומען צו גיין פארטאגס אין בית-המדרש און לערנען עטליכע שעה רצופות פארן דאווענען, אן ווערן איבערגעהאקט, דאס איז עפעס... דאס קען מען נישט אוועקמאכן במחי יד.

און מיינט נישט אז מען רעדט אצינד פון אזעלכע יונגעלייט וואס... שוין, מיר וועלן נישט אויספירן... עס איז די רעדע פון די גרעסטע תלמידי-חכמים וואס אונזער שטאט מאנסי פארמאגט, מען רעדט אצינד פון אזעלכע אידן, פוסקי הלכה ומרביצי תורה מפורסמים, וואס שאקלען א וועלט ביי אונז אין שטאט, מיט זייער כח התורה. מען רעדט פון אויסגעקליבענע יונגעלייט, וואס זענען אנגענומען געווארן אין כולל נאר א דאנק זייער התמדת התורה וחשקת התורה, וואס וויסנדיג אז זייער שאיפות זענען צו שטייגן, און אז זיי האבן איינגעזען אז דורך די ביינאכט שעות וועלן זיי קענען נענטער דערגרייכן זייערע צילן, זענען זיי אנגענומען געווארן אין כולל.

אין פאקט זענען פאראן אן ערך פון פינף-און-זעכציג אפלעקאציעס וואס ווארטן אנצוגענומען ווערן אין כולל, אבער אין כולל גופא זענען פאראן בלויז זעכצן איינגעשריבענע יונגעלייט, וואס זענען אויסגעקליבן געווארן צו ווערן אנגענומען אין כולל.

עס איז וויכטיג צו באמערקן, אז אין כולל נעמט מען נישט אריין אזעלכע יונגעלייט וואס זענען משנה עתים ומחליף את הזמנים. די יונגעלייט מוזן האבן א געהעריגע מסגרת במשך די שעות פון טאג, זיך געפינען אין נארמאלע כוללים און מסגרת פון מוסדות. אין אנדערע ווערטער - מען מוז זיין א נארמאלער מענטש, נאר אוועקרייסן די נאכט שעות לצורך לימוד התורה.

א יונגערמאן וואס וויל אנגענומען ווערן אין כולל-חצות, מוז ברענגען אן אונטערשריפט פון זיין בני-בית, אז זי איז מסכים אז איר מאן זאל לערנען אין כולל חצות. דאס איז בנוסף צו דעם וואס דער יונגערמאן טאר נישט מאכן זיין עיקר לעבן ביינאכט, אויף צו שלאפן בייטאג, נאר ער דארף זיך געפינען אין א געהעריגער מסגרת במשך די טאג שעות.

**כולל:** חצות

**אדרעס:** 2 Howard Drive

**ראש-הכולל:** הרה"ג זלמן לייב פרידמאן שליט"א

**בני הכולל:** 16

**אפלעקאציעס וואס ווארטן צו ווערן אנגענומען:** 65 בערך

## אויב איר וועט שטיין נעבן דעם טאשנאדער בית-המדרש ארום איינס-אזייגער ביינאכט, וועט זיך עס אייך דוכטן אז עס איז אצינד סליחות נאכט אדער ערב ראש-השנה פארטאגס.



## בני עליה עולים

ווי אזוי באווייזט מען דאס טאקע? - וואס איז דער סדר-היום פון א חצות יונגערמאן?

א געוועגליכער יונגערמאן פון כולל חצות, לייגט זיך שלאפן בערך אכט-אזייגער, ער שלאפט אן ערך פון דריי - פיר שעה און קומט אן אין כולל צו חצות. ער לערנט דורך דעם גאנצן נאכט, דאווענט פארטאגס ביי וותיקין, קומט אן אהיים, עסט פרישטאג און לייגט זיך אראפ שלאפן ביז צענע צייט. דאן גייט ער אין כולל, אדער אין אנדערע מסגרת'ן וואו ער דארף זיך געפינען, און פירט א געהעריגער סדר-היום.

אין אנדערע ווערטער מיינט דאס, אז דער יונגערמאן שלאפט זעקס - זיבן שעה א נאכט.

נו, אויב אזוי שטעלט זיך די פראגע: אז דער חצות יונגערמאן שלאפט פונקט אזויפיל שעות ווי א געהעריגער יונגערמאן, ווי אזוי שטימט דאס אז דער חצות יונגערמאן קען לערנען מער שעות - אריינכאפנדיג אויך די נאכט שעות - מער פון דעם געהעריגן יונגערמאן?

- דער ענטפער דערויף איז



שמואל פוקס

# שוהלן אין מאנסי

## כולל חצות

### קומי רוני בלילות

איך קען נישט צו זיך קומען - איך קען דאס נאכנישט פארדייען!

וואס איך האב געזען מיט מיינע אייגענע אויגן איז א פאקט, וואס אויב וואלט איך דאס נישט געזען, דאן וואלט איך דאס נישט געגלויבט.

עס איז אין די שפעטע, פינסטערע, קליינע נאכט שעה'ן, דער שוין אזוי אויך רואיגער שטאט מאנסי איז איינגעהילט אין א טיפן שלאף, א שטאק-טינקלקייט באהערשט דעם שטאט. אלעס איז ווי איינגעשלאפן. אויף דער גאס זעהט מען נישט קיין נברא. סיידן, אמאל א פארלוירענער בעל חי וואס לויפט דורך אויף די טונקעלע גאסן. דען וואס האט מען צו זוכן אויף די גאס אין אזא שפעטע נאכט שעה? - שלאפט אצינד דער גאנצער בריאה, אלע גאסן זענען איינגעהילט אין א טיפן שלאף, און די מענטשן וואס געפינען זיך אין די הייזער ליגן אין די בעטן איינגעהילט אין זייער נאכט שלאף.

אבער פון איין וואונקל אין מאנסי הערט זיך ארויס א קול. טאקע פון די שטילע האווערד גאס, ביים טאשנאדער בית-המדרש, דארט הערט זיך דעם קול התורה פון די חצות יונגעלייט וואס הארעווען דורך די נאכט בתורת קל חי, זיך נישט קומערנדיג מיט די שפעטע נאכט שעה.

און די דאזיגע יונגעלייט לערנען, אבער לערנען - מען רעדט נישט דא פון יוצא זיין אבי געזונט. די דאזיגע יונגעלייט לעבן אצינד אין אן אנדערע וועלט, טאקע יעצט ווען די גאנצע וועלט שלאפט, איז דאס די פאסיגסטע צייט פון שטייגן העכער און העכער במעלות התורה. אצינד איז נישטא קיין סעלפאנען, נישטא קיין חברים מיט וועמען מען באגעגנט זיך, נישט די בני-בית זוכט אצינד, נישט קיין געשעפטן, די וועלט איז טויט. יעצט קען מען זיך טאקע אריינלייגן אין לערנען ראשו ורובו.

דאס איז די פשט אין גמרא "אלא במי שממית עצמו עליה" - בשעת די וועלט איז טויט, דעמאלס איז די פאסיגסטע צייט צו לערנען.



### א סליחות נאכט

אויב עס וועט אייך אמאל אויסקומען, און איר וועט שטיין נעבן דעם טאשנאדער בית-המדרש ארום איינס-אזייגער ביינאכט, וועט זיך עס אייך דוכטן אז עס איז אצינד סליחות נאכט אדער ערב ראש-השנה פארטאגס. קומען

**פון איין וואונקל אין מאנסי הערט זיך ארויס א קול. טאקע פון די שטילע האווערד גאס, ביים טאשנאדער בית-המדרש, דארט הערט זיך דעם קול התורה פון די חצות יונגעלייט וואס הארעווען דורך די נאכט בתורת קל חי, זיך נישט קומערנדיג מיט די שפעטע נאכט שעה.**



אז עס איז פאראן אלעס וואס מען דארף האבן און אז אלעס זאל קלאפן הונדערט פראצענט. אז עס קומט פסח צייט און מען דארף אויסרוימען דעם בית-המדרש פון חמץ, רעכנט ער אויס אז עס זאל נישט שטערן דעם חצות כולל. זיין הארץ און איבערגעגעבנקייט איז א מוסטער וואס איז ווערד צו באוואונדערן.

## צום באנוץ פון דעם ציבור

כולל חצות איז נישט בלויז א מקום פון וואס די בני-הכולל בענעפיטירן דערפון. אין פאקט איז דאס א מקום וואס דינט פאר די גאנצע שטאט, באשר הוא שם, צוליב עטליכע סיבות:

קודם כל, דארף מען נעמען אין באטראכט דאס וואס שטייט אין ספרי קדמונים, אז די אידן וואס לערנען תורה בחצות, זענען דערמיט מגין אויף די גאנצע שטאט. די נאכט שעות זענען אזעלכע שעות וואס דארפן א שמירה יתירה, הן בגשמיות והן ברוחניות וד"ל. דאס איז א זמן וואס ווערט געברענגט אין ספרי קבלה, אז דאס זענען די שעות פון די מזיקים ומרעין בישין, און די דאזיגע שעות דארפן א באזונדערע שמירה עליונה. אין די ספרים ווערט געברענגט, אז די דאזיגע אידן וואס זענען אויף בייני נאכט און זענען עוסק בלימוד התורה, באשיצן זיי דערמיט די שטאט פון אלע פרעניות און זענען מגין אויף די שטאט. דאס זענען די 'נטורי קרתא' - די באשיצער פון די שטאט.

אויסער דעם דינט דער כולל-חצות פאר אלע תושבי מאנסי אויפן פראקטישן זין פון ווארט. אויב געפינט זיך א איד אין א מצב, ער וויל מאיזה סיבה זיין אויף און עוסק זיין א נאכט אין תורה, סיי צוליב א קבלה וואס ער האט זיך מקבל געווען, אדער אמאל סתם-אזוי ווייל ער האט נישט געקענט איינשלאפן און וויל אצינד לערנען, איז פאראן א מקום תורה, מיט א תורה'דיגע סביבה, וואו ער קען אצינד אהינגיין און לערנען.

די שרייבער פון די שורות האט געפינען אין כולל-חצות, א איד וואס איז נישט אפעציעל איינגעשריבן אין כולל, אבער עס האט זיך אים גלאט אזוי פארגליסט דורכצולערנען א נאכט. לערנען אליין אינדערהיים, האט ער געוויסט אז עס וועט נישט ארבעטן, ווידער גיין צו א בית-המדרש וואס איז ליידיג פון מענטשן, איז אויך נישט אזוי געשמאק און באקוועם. די בעסטע אויסוואל איז געווען, אריינצוגיין אין טאשנאדער בית-המדרש, דארט געפינט זיך א כולל אויפן ארט, און דער פלאץ לעבט אין תורה, קען מען זיך דארט אוועקזעצן לערנען.

ווען עס קומט שובבי"ם, בפרט ליל-שישי פון שובבי"ם, דערקענט זיך עס צווישן די ווענט פון כולל. דעמאלס ווערט דער היכל התורה פילער, מער אידן קומען זיך משתתף זיין און מיטהאלטן א נאכט אין כולל.

צומאל מאכט זיך סתם אזוי, אז יונגעלייט וואס רישן זיך אהיימצוגיין נאך א שמחה אין דעם טאשנאדער זאל, ווילן נישט מוותר זיין אויף דער געלעגנהייט, זיי קומען ארויף אין כולל, זעצן זיך אוועק אויף עטליכע מינוט, לערנען א משנה אדער צוויי, בלויז צוליב די זכיה פון מיטהאלטן אויף עטליכע מינוט מיט דעם כולל. צומאל שלעפט מען מיט די קינדער, פשוט זיי צו ווייזן וואס דאס איז כולל-חצות, און וואס דאס איז אידן וואס הארעווען אין תורה דורך די נאכט שעות.

מאכט זיך אמאל א איד, וואס איז געקומען צו א שמחה אין טאשנאדער זאל, און ער האט באמערקט א קאר פון פיר יונגעלייט, וואס קומען ארויס מיט אן ערנסטקייט, זיך גרייטנדיג צו גיין לערנען. דער איד איז אויסגעגאנגען פאר התפעלות, אויף אזוי ווייט אז ער האט געגעבן פאר יעדן יונגערמאן א פופציגער, לחיזוק התורה.

## יותר ממה שכתבתי

איך וועל צוענדיגן מיטן מאמר וואס דער כהן-גדול פלעגט זאגן בזמן שבית-המקדש היה קיים, נאך די קריאה פון הקהל: הרבה יותר ממה שכתבתי כתוב כאן - דער פאפיר איז פשוט נישט גענוג גרויס אראפצושרייבן אלעס, מען קען נישט אלעס שרייבן און עס לאזט זיך נישט אלעס שרייבן. מיר ווען זיך דעריבער באגיניגן און מוזן ענדיגן דא.

נאר איין זאך וואס איז יא וויכטיג ארויסצוברענגען ביים ענדע: דער דאזיגער כולל איז א שמירה אויף די גאנצע שטאט. אלס מאנסיער איינוואוינער מוזן מיר מעריך זיין און מחשיב זיין דאס וואס מיר פארמאגן און וויסן וואספארא טייערע דיאמאנט עס איז פאראן אין אונזער שטאט.

און נאך עפעס, איידער איך פארגעס; אין די נאכט שעות, איז דער דאזיגער כולל דער איינציגסטער מוסד וואס עקזיסטירט ביי אונז אין מאנסי - זי פארמאגט דעריבער זכות קדימה אין די נאכט שעות.

**מאכט איר א מלוה-מלכה, א דינער? - ווילט איר באשרייבן אייער שוהל אדער מוסד? - ביטע פארבינדט אייך מיט די מערכת:**

ביטע פארבינדט אייך מיט די מערכת: טעל: 208.917.3829

אימעיל: sam@hakosev.com

די נעכט!

א חצות יונגערמאן פארברענגט נישט אויף קיין וואכנאכטס, ער מוז זיך געזעגענען פון די טיי-אווענטס מיט די געשמאקע קוגל אויפן ארט, אויף קיין חתונות קען ער נישט לויפן, סיידן עס איז באמת וויכטיג. און אפילו אינדערהיים - יא, אינדערהיים פארברענגט ער אויך נישט איבעריגע צייט מער וויפיל ער מוז. ער לייגט זיך פרי און ער שטייט אויף צו חצות.

דאס איז דער חילוק צווישן א חצות יונגערמאן און א געהעריגער יונגערמאן. דער חצות יונגערמאן האט נישט קיין צייט צו פעניען, ער מוז אויסנוצן יעדן שעה אין טאג. פון איין זייט ווייסט ער אז ער מוז זיך צושטעלן מיט געהעריגע שעות במשך דעם טאג - אנדערש ווערט ער נישט אנגענומען אין כולל. ווידער ביינאכט דארף ער אויך לערנען פלייסיג אין כולל, אויב וויל ער נישט ווערן ארויסגעווארפן פון דארט.

דאס איז דער סוד, ווי אזוי א חצות יונגערמאן קען שטייגן.

און מען שטייגט!

## א חצות יונגערמאן פארברענגט נישט אויף קיין וואכנאכטס, ער מוז זיך געזעגענען פון די טיי-אווענטס מיט די געשמאקע קוגל אויפן ארט, אויף קיין חתונות קען ער נישט לויפן...

## סדר הלילה

די זייטיגע אפעקט וואס כולל חצות טראגט מיט זיך - אדער איז דאס אפשר גאר א מעלה - אז דאס איז ווייט פון אויג, מענטשן ווייסן נישט וואס קומט דארט באמת פארן, דען אין דער צייט שלאפט דער עולם און האלט דאס נישט מיט, מיט די אייגענע אויגן.

אבער די שרייבער פון די שורות האט דאס יא געזען, און ארויסגעקומען פון דארט מלא התפעלות.

דער סדר הכולל הויבט זיך אן מיט מעריב, אום 12:45. דאן זעצט מען זיך אוועק לערנען, יעדער איינער מיט זיין חברותא. דער קול התורה קלינגט אפ אין היכל התורה, אזוי לערנט מען בהתמדה, עד שאמרו רבותינו, הגיע זמן קריאת-שמע של שחרית. עס איז אויך געווען א תקופה, וואס מען פלעגט פארלערנען א שיעור א שעה פארן נץ, ביזן דאווענען.

אז עס קומט פארטאגס, שטעלט מען זיך דאווענען שחרית כוותיקין. אבער עס איז אן אנדערער סארט שחרית ווי די געווענליכע וותיקין מנינים. מען רעדט אצינד פון א שחרית וואס קומט נאך א פיר-פינף שעה לערנען, א שחרית פון בני-תורה, נישט קיין געיאגטע שחריתים, א שטייגער מען זאל זיך יאגן צו די ארבעט. נאכמער, מזמן לזמן קומען פאר דרשות נאך שחרית, מחזק צו זיין די לומדי חצות, אמאל מאכט איינער א סיום-מסכת אדער א לחיים נאך שחרית.

## אכסניא של תורה

כולל חצות האט זיך אנגעהויבן מיט קנאפע דריי יאר צוריק, אום חמשה-עשר-בשבט פון יאר תשע"ג לפ"ק. דער כולל איז צום ערשט געגרינדעט געווארן אין מאנרא, נאכדעם וואס העסקן הנמרץ מו"ה ר' נחמיה האפמאן הי"ו - אליין א חצות איד - האט געעפנט א מסגרת פון חצות אין מאנרא, וועלנדיג אויפשטיין און לערנען בחבריא קדישא. עס האבן זיך דאן אנגעשלאסן עטליכע יונגעלייט פון מאנסי, וואס האבן געוואלט לערנען אין כולל-חצות, און זענען דעריבער ארויסגעקומען קיין מאנרא יעדע נאכט לערנען אין דעם כולל.

זעענדיג די תשוקה פון תושבי מאנסי צו א כולל-חצות, האט ר' נחמיה באשלאסן צו עפענען א באזונדערע כולל אין מאנסי, פאר די מאנסיער חצות יונגעלייט. מיט די חיזוק ועידוד פון די רבני עירנו, האט זיך דער כולל געעפנט אין שפיץ פון דעם ראש-הכולל, הרה"ג ר' זלמן לייב פרידמאן שליט"א, וועלכער איז עומד במשמרת הקודש בלילות, דינענדיג אלס ראש-הכולל חצות.

ברם זכור אותו לטוב, דער בעל-אכסניא של תורה, הרה"ג גאב"ד טאשנאד שליט"א, וואס האט געעפנט די טויערן פון זיין בית-המדרש, פאר דער דאזיגער כולל. דער רב שטייט שטענדיג צו הילף און בכל עת מצוא, ווען עס פעלט זיך אויס, העלפט דער רב ארויס מיט וואס מען דארף נאר.

ווען די עסקני הכולל האבן געזוכט א מקום פאר דער כולל, איז מען אריין צום רב שליט"א, אים פרעגנדיג רשות צו נוצן זיין בית-המדרש פאר דעם צוועק. דער ענטפער פון דער רב שליט"א איז געווען ווי פאלגענד: "מען רעדט פון תורה? - קודם זאג איך "יא", שפעטער וועל איך הערן פון וואס עס רעדט זיך..."

האט דער בית-המדרש טאקע זוכה געווען צו דינען אלס אכסניא של תורה פארן כולל חצות, זכות לימוד התורה של חצות תלוי על ידם.

אין דעם געלעגנהייט מוז אויך דערמאנט ווערן לטובה, דער שמש פון טאשנאדער בית-המדרש, מו"ה ר' אהרן הערשקאוויטש הי"ו, וואס זארגט שטענדיג פאר די כולל יונגעלייט, ער מאכט זיכער

